21.11.85

טײַערע און ליבער דוד,

שוין ׳אַ שאָק מיט יאָרן׳ האָב איך צו דיר ניט געשריבן. ס'איז טאַקע אַ גװאַלדיקע עװלה. זײַ מיר מוחל.

קודם לכּל קומט דיר משמעות אַ מזל-טובֿ. איך מײן, אַז דו ביסט שוין גרױס אַ טאַטע, און דײַן שײנעלע – אַ מאַמע. איך האָף, אַז איר זײַט בײדע זײער גליקלעך, און אַזױ אױך אײַער גאַנצע משפּחה, נאָענטע און װײַטע. זאָל אײַך װױל באַקומען!..

בײַ אונדז איז קײן סך נײַס ניטאָ. איך בין װידער אין דער אוניװערסיטעט, מיר האַלטן בײַ אַרױסגעבן דאָס דריטע העפֿט פֿון ׳דפֿים למחקר ספֿרות׳, דאָס מאָל אין אַן אמתער דרוקערײַ. איך האָב דעם אײַנדרוק, אַז עס איז אונדז געלונגען אױסצופֿירן -- דעם פֿאַרלאַג פֿון חיפֿער אוניװערסיטעט װעט נעמען אױף זיך די טירחה אַרױסצוגעבן אונדזער שאָפֿט. איך װעל גערן אָפּדרוקן דײַנע אַן אַרבעט װעגן ייִדישע ליטעראַטור, אױב דו װעסט װעלן עפּעס צושיקן און פֿאַרעפֿנטלעכן בײַ אונדז. דו קענסט שרײַבן אױף ענגליש. איך װעל עס איבערזעצן.

און דאָ הײם בײַ מיר איז די לאַגע בעסער. מרים, װעלכער איז געװען not at her best חדשים לאַנג, שפּירט זיך אַ סך בעסער. אױב עס װעט מיר געלינגען, קאָן זיך גאָר טרעפֿן מיר זאָלן קומען בײדע באַזוכן ניו-יאָרק דעם קומענדיקן הערבסט. אָבער דאָס איז גאָר ניט זיכער. די לאַגע בײַ אונדז אין לאַנד דרײט זיך אין אַ געװירבל.

איך אַלײן אַרבעט אױף עטלעכע ׳פֿראָנטן׳... איך האָב צונױפֿגעשטעלט אַ זאַמלונג פֿון אהרן שטײנבערגס ייִדישע שריפֿטן און אָנגעשריבן אַ גאַנץ גרױסן אַרײַנפֿיר. איך װאַרט נאָך אױף געלט-געבער... אױסער דעם – אַ גרױסן אױספֿירלעכן עסײ װעגן פּרץ מאַרקישעס ׳מלחמה׳ (׳[illegible]׳). * איך קלײַב זיך ממשיך זײַן דעם מאַנדעלשטאַם-פּראָיעקט (3 ביכער) און מײַן מאָנאָגראַפֿיע װעגן דעם קינסטלער אױף צװײ שפּראַכן. אָבער עס בלײַבט מיר צו װײניק

צײַט. אַליסאָ גאָר שרײַב איך פֿון צײַט צו צײַט אַ שטיקל רעצענזיע. דאָס שיק איך דיר דאָ אַ רעצענזיע וועגן יעקב שבתאַיס לעצטן בוך 'סוף דבר'. דאָס האָב איך געשריבן מיט אַ יאָר צוריק. ערשט איצט איז עס אַרויס.

איך וויל ג״כ שרײַבן וועגן דײַן וווּנדערבאַרן בוך 'Against the Apocalypse' — איך רעכן דאָס [illegible] דען אין משך פֿון די קומענדיקע פֿיר חדשים. לײדער האָב איך ניט געזען אַלאַן מינצ'ס בוך. און אונדזער ביבליאָטעק איז עס ניטאָ. איך וועל אים באַשטעלן פֿון ירושלים.

דײַן 'Prooftexts' באַקום איך פּינקטלעך, און איך דאַנק דיר ג״כ. איך באַמי זיך פֿאַרשפּרייטן דײַן נאָמען צווישן אונדזערע לערערס און תּלמידים. די זײַנען ניט ג״כ גליקלעך, ווײַל עס קומט זיי אָן לייענען אויף ענגליש ---

שרײַב מיר אַ פּאָר וואָרט. אפֿשר דאַרפֿסטו עפּעס האָבן פֿון ארץ-ישׂראל. איך וועל ג״כ גערן דיר שיקן. שרײַב! אַ האַרציקן גרוס דיר פֿון אונדזער חבֿר פּאַטשי (אַבֿרהם שאַפּירו). ער אינטערעסירט זיך ג״כ מיט דיר און טאַדלט מיך, הלמאי איך האָב נאָך ניט געשריבן וועגן דײַן בוך. איז ער טאַקע גערעכט. עס וועט זײַן אַ יושר דאָס צו פֿאַרריכטן.

זײַ כּשר מיר געזונט. גרוס האַרציק דײַן שײַנדלען. אַ גרוס דײַן שוועסטער רותי. די שרײַבט עפּעס וועגן ייִדיש ליטעראַטור, פֿאַרטיק?

מיט ליבשאַפֿט

דײַן

שלום

מרים לאָזט אײַך האַרציק גריסן.